# פרשת וארא

## בס"ד. משיחת י"ב תמוז ה'תשמ"ה.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

איצטער האָט זיך שוין אָפּגעדרוקט (דער ספר) דער סיפור – וואָס זיין פאָטער האָט געשיקט זיין בן יחיד און האָט אים געזאָגט, ער זאָל פאָרן אין עיר הבירה, אין פעטערבורג ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן, און ער האָט געפרעגט: ביז וואַנענט זאָל ער דאָרטן זיין? – האָט ער אים געזאָגט: ביז מסירת-נפש!

וואָס לכאורה האָט דאָס ניט קיין פשט: וואָס הייסט ביז מסירת-נפש? געווען שנים כתיקונם, און ער האָט זיך געפירט ווי מ'פירט זיך על פי חוקי המדינה, על אחת כמה וכמה ניט אין אַן עונש מות – האָט ער געוואַרט ביז וואַנענט "מתי יבוא לידו ואקיימנה"!

ביז וואַנענט אַז ס'איז געקומען "לידו", און מ'האָט זיך דערוואוסט אַז ס'איז דאָ אַ גזירה, – ניט אַ גזירה פון "ג' עבירות"; אַ גזירה פאַרבונדן מיט חינוך פון קינדער, אָדער מיט חינוך פון רבנים וואָס זיי דאַרפן מחנך זיין קינדער, ניט פון די ג' ענינים,

איז ער געגאַנגען "מלכתחילה אַריבער" צו דעם וואָס ער איז געווען דער מחנך און דער חשוב וכו' אויפן שר הפנים באותן הימים. וואָס דעמאָלט איז דער שר הפנים געווען דער שר הכי תקיף, דער שטאַרקסטער שר, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיטן צאַר.

– דער צאַר איז געווען ניט קיין איבעריקער חכם, כידוע ומפורסם, [און ויש אומרים אַז ער איז בכלל גאָר קיין חכם ניט געווען], און מיט אים האָט אָנגעפירט דער שר הפנים פון יענער צייט. און דער שר הפנים (איז געווען) האָט געהאַט אויף זיך אָט דעם וואָס האָט אים מחנך געווען, וואָס דערנאָך איז ער שוין אַרויס פון חינוך של התלמיד, און יענער איז שוין געוואָרן דער שר הפנים, ער האָט אָבער געלעבט אין דער זעלבער שטאָט.

איז ער געגאַנגען לכתחילה אַריבער, האָט זיך געכאַפּט, אַז אָט דאָ איז אפשר (דער ענין פון ש) אַן ענין פון מסירת נפש: פאַרבינדן זיך מיט אָט דעם וואָס האָט מחנך געווען אַ רשע מרושע, ווי דער שר הפנים דעמאָלט איז געווען אַ רשע מרושע באנושיות: געמאַכט פּאָגראָמען מיט אַלע ענינים הידועים ומפורסמים,

און האָט ביי אים געפּועל'ט, און האָט מיט אים געשמועסט און מיט אים גערעדט, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ רשיון, פרעגן ביי אים וואָס מ'קען טאָן אויף עפּעס מבטל זיין די גזירה, און יענער האָט אים געזאָגט: ער זאָל וויסן זיין, אַז דאָס איז אַן ענין וואָס דאָס איז פאַר אים מסירת-נפש –

אָט דאָ האָט ער זיך געכאַפּט וואָס דער פאָטער האָט געמיינט "ביז מסירת נפש",

און האָט אים אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר וואָס דאָרט איז געווען דער רשיון אויף אַריינגיין אין דעם בנין וואו ס'האָט זיך געפונען דער משרד פון דעם שר הפנים,

און דערנאָך האָט ער געוואוסט, אַז ס'וועט אַריינגיין אַהינצו אַ איד מיט אַ באָרד און פיאות און מיט אַ סירטוק, און וואָס רעדט רוסיש ניט אַזאַ רוסיש צחה ומשופצת; [טאַקע גערעדט רוסיש מיט אַלע ענינים,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וארא

אָבער ס׳איז געווען לאו דוקא אָן אַן אַקצענט].

אַוועקגעגאַנגען אין יענעם בנין, און האָט געזען ווי אַזוי דער שר הפנים גייט אַרויס פון דעם בנין, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו דעם שוער, צום שומר על הפתחים, האָט אים באַוויזן דעם פּאַפּיר וואָס ער מעג אַריינגיין אין בנין,

דער שוער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין וואָס דאָ טוט זיך: מ׳האָט געוואוסט, אַז אַ איד טאָר ניט זיין אין פּעטערבורג, ניט נאָר ער טאָר ניט אַריינגיין אין דעם בנין, און דאָס איז אַ בנין וואָס מ׳האָט אַהינצו קיינעם ניט אַריינגעלאָזט אָן אַ רשיון מיוחד – אפילו אַ גוי, אפילו אַ שר, אפילו אַ שר גדול ביותר,

ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז ער טאָר זיך ניט דינגען, וואָרום ס׳איז אַ רשיון מיוחד – אַז ניט, ווי קומט צו אים דער רשיון?

און איז אַריינגעגאַנגען אין בנין, און האָט ניט געוואוסט וואו דעם שר הפנים׳ס חדר געפינט זיך, און ער איז געגאַנגען און געבלאָנדזשעט און געזוכט, ביז וואַנענט ער האָט געמוזט פרעגן ביי איינעם פון די גויים דאָרטן, וואו ס׳געפינט זיך אָט דער חדר. וואָס דאָס גופא איז דאָך אַ סכנה שאין כמוה.

און אַריינגעגאַנגען אין דעם חדר, האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן די פּאַפּירן וואו ס׳איז געווען וועגן אָט דער גזירה, אַרויפגעשטעלט דאָרטן דעם שטעמפּל, אַז די גזירה איז בטל געוואָרן, אַוועקגעלייגט צוריק אויפן טיש, אויף דעם אָרט וואו ס׳ליגן די גזירות הבטילות, וואָס זיינען בטל געוואָרן, און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. און אַרויסגעגאַנגען דערנאָך פון בנין, און דערנאָך אַוועקגעפאָרן אַהיים.

וואָס דאָס איז ניט דער פשט, אַז דאָס איז אַן ענין פון שכל והבנה והסברה, און ס׳איז ניט דער פשט, אַז אַן אדם פשוט האָט אויף דערויף כח צו טאָן:

גיין אַנטקעגן גזירת המלכות, בפרט נאָך אַ מלכות וואָס "מושל בכיפה", איז על פי מדרש און על פי קבלה און על פי מוסר און על פי שכל – קען גיין מערניט ווי אַזאַ וואָס ער איז בגדר פון מלכות.

אָט דאָס וואָס ער איז געגאַנגען (אַז) [אַלס] איינער?? פון דעם מלך שבישראל, פון נשיא הדור, פון זיין פאָטער, האָט אים געמאַכט פאַר אַ "שלוחו של אדם כמותו" ממש – איז דאָס געגאַנגען דער **פאָטער**, אָבער ווער האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל און איבערגעלייגט די פּאַפּירן, און ער האָט באַקומען פריער דעם רשיון, און דערנאָך אָפּגעדאַנקט דעם גוי וואָס איז געווען דער מחנך פון שר הפנים? – אָט דאָס איז געווען אָט דער איד וואָס ער איז בשעת מעשה געווען טאַקע אַ בן יחיד, **ער איז אָבער ניט געווען קיין נשיא!**

אין אָט דער שליחות איז ער געוואָרן אַ נשיא "כמותו", ביז "כמותו ממש".

וואָס וואָס איז דערפון דער לימוד בנוגע לאנשים כערכנו?

וכמדובר, דער בעל שם טוב זאָגט, וויבאַלד אַז אַ איד דערהערט אָט די מעשה – ווערט דאָס פאַר אים אַ מורה דרך בהנהגתו, דערצו דאַרף ביי אים צוקומען וואָס ער דאַרף טאָן.

דאַרף אַ איד וויסן, אַז אויב (ער) מ׳האָט אים געזאָגט, אָדער ער האָט זיך אַליין געכאַפּט, אַז ער האָט



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וארא

אַ שליחות פון מלכות של עולם – ווערט ער "שלוחו של אדם כמותו", און נאָכמערער – שלוחו של אדם **כמותו ממש**, ווי ער זאָגט אין לקוטי תורה בארוכה, און מסביר על פי זהר ועל פי קבלה וכו׳. אָבער דאָ דאַרף מען ניט אָנקומען צו רמזים און סודות; אָט דאָס איז פשוטו של הלכה און דאָס איז דער פשטות פון דער מציאות.

במילא, אַז דערנאָך טרעפט ער זיך מיט ניט-אידן, און ער באַקומט אויף זיי אַ השפעה, און רעכט, ער וויל זיך איינרעדן, [אַז] דאָס וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיטן ניט-אידן – איז דאָס דערפאַר וואָס ער דאַרף זיך עפּעס לערנען פון דעם ניט-אידן!

אידן זיינען באַשאַפן געוואָרן "**אור נתתיך לגויים**"! (איד) דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אידן, אַז זיי זאָלן מאַכן ליכטיק די וועלט; ניט נאָר די "וועלט" באַ זיך אין בית-הכנסת און אין בית-המדרש און צווישן אידן, נאָר "**אור נתתיך לגויים**"! צו יעדער פאָלק און צו אַלע פעלקער.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.